# קול
# צעירי הצאן

חודש'ליכע אויסגאבע

**כיתה מכינה א' ת"ת יעב לב דרב"י מסאטמאר**

קרית יואל - בני ברק

בעזהשי"ת | **ערב שבת מברכים כסלו, תשע"ב** | ערשטע אויסגאבע


# א שמחה הערשט אין מכינה א' מיט די אנהייב פונעם ווינטער זמן

דינסטאג יום ג' אשר נכפל בו כי טוב האבן מיר מיט גרויס איבערראשונג אויפגענומען די טייערע קינדערליך שיחיו וואס זענען ארויפגעקומען פון קינדער גארטן ארויף א שטאפל אין זייער לעבן.

די קינדער זענען ב"ה שוין היימיש מיטן מלמד ווייל כסדר האבן מיר זיך געטראפן ביי א שמחת חאלאקע וואס קומט פאר כסדר אין קינדער גארטן, די קינדער באקומען זייער פלאץ באקענען זיך מיטן נייעם ארט און לערנען זיך אויס די כללים פון די כיתה.

געוועהנליך ארום האלב צעהן נעמט מען צוזאם די שפילערייען און מ'הייבט אן מיט תהלים פאר'ן דאווענען קאפיטל כ', און דערנאך די סדר התפילה.

נאכ'ן דאווענען עסן זיי די פת שחרית אכטונג געגעבן אויפן ריינקייט פון חדר די זעקלעך אין די מיסט-קאסטן ווי עס פאסט פאר א חדר זאל זיין ריין, א שיינעם טאג ווען עס איז נישט קאלט אדער רעגן גייען מיר צום גארטן אין רח' שדרות רמב"ן נעבן די חדר.

ארום צוועלעוו אזייגער לערנט מען אויס די קינדער צו בענטשן מיט ברכות הנהנין, און דערנאך די פרשה פון די וואך מיט א פרישע ניגון אזוי יעדן טאג בע"ה.

## דער גליקליכער ביים גורל

יעדע וואך, געוועהנליך איז דאס דינסטאג, קומט פאר א גורל, ווער עס גיין זיין דער שבת טאטע, די קינדער זעצן זיך אוועק, איינער נעמט ארויס א צעטל, און דארט שטייט דער נאמען פון דעם יונגל ווער עס גייט זיין דער שבת טאטע, דער גליקליכער יונגל באקומט אהיים א צעטל, דאס רופט אויס פרייד ביי אלע קינדער.

## א ספעציעלע נקודה פון די וואך

- **נח** - די ערשטע וואך האלטן ריין די חדר וואו מ'לערנט תורה.
- **לך לך** - אויפעסן די ברויט ווייל דאס גיט כח צו דינען דעם באשעפער.
- **וירא** - דאווענען און זינגען מיט שמחה געברענגט א נייע פויק צו הייבן די יונגלעך ביי א ניגון עבדו את ה' בשמחה.
- **חיי שרה** - נישט נעמען גארנישט אן רשות, מיר האבן שכל, נישט אזוי ווי די קעמלעך וואס מ'דארף זיי צושפארן די מויל מיט א שלאס.
- **תולדות** - זיך אויפפירן ווי יעקב אבינו ע"ה און נישט ווי עשו רעדן שיין עסן שיין גריסן שיין.

# והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו

א ספעציעלע טאג איז פרייטיג ערב שב"ק אין חדר מכינה א' שוין לאנגע יארן נאך ביים מלמד ר' הערש אלימלך ז"ל האט מען פרייטאג געזאגט פאר די קינדער א שיינע הכנה אויף שבת. פאר צוויי יאר האבן מיר אנגעהויבן מיט א שטארקע המחשה א לעבעדיגן בילד מיט א שבת טיש צוגעגרייט חלות מיט וויין און ברענעדיגע ליכט, די צומער מאכן מיר טונקל ווי ביינאכט, און מ'זיצט מיט די שיין פון די ליכט און מ'זינגט זמירות שבת, עס ווערט אריינגעברענגט א שבת'דיגע גייסט אין זיי, א גאנצע וואך ווארטן זיי שוין אויף דעם, ווי נאר דער רבי שפרייט אויס די ווייסע טישטעך ווערט זייער הארץ אנגעפילט מיט פרייד, און האבן פון דעם גאר שטארק הנאה, שבת השפעה אויף די גאנצע וואך.

# המחשה ביי די ערציילונג פון די פרשה

ווי מיר קענען לייגן מיר אריין מיט המחשה פרשת נח האבן די קינדער צוזאמען מיט די רבי געמאכט א קאסטן פון דריי שטאק, פאריגע וואך פרשת חיי שרה האבן מיר געברענגט א קעמל די קינדער זאלן וויסן וואס דאס מיינט, אויך האבן מיר געברענגט א קריגל וואס רבקה האט דערמיט אנגעפילט וואסער פון ברין א.א.וו. אי"ה ביי די קומענדיגע פרשיות.

# שיינע ווערטלעך פון ר' הערש אלימלך ז"ל

א מלמד זאגט דריי מאל "אנוכי", קודם אנפאנג זמן זאגט ער, הבה לי בנים ואם אין מתה "אנוכי",

ווען דער טאטע קומט מיט טענות זאגט ער "אנוכי" עשו בכוריך, סוף חודש ווען ער באקומט נישט די געהאלט זאגט ער, אם כן למה זה "אנוכי", פאסיג צו די וואך.

*

א טאטע באקלאגט זיך, דאס קינד ווייסט נישט די פרשה, זאגט דער מלמד, וואס דו ווייסט נישט די פרשה? ניין, דער רבי ווייסט אויך נישט, יעדע וואך זאגט ער עפעס אנדערש.

# וואס טוט מכינה א' פאר די הייליגע מוסדות?

די טייערע קינדער תשב"ר שלא טעמו טעם חטא זענען מתפלל פאר די אידן וואס שטיצן די הייליגע מוסדות פון רבינו הק' זי"ע הן פון חוץ לארץ און הן פון ארה"ק אויף פרנסה און הצלחה אין אלע ענינים

# די ניגונים וואס מיר האבן געזינגען דעם חודש

- לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו.
- עבדו את ה' בשמחה בואו לפניו ברננה.
- סימן טוב ומזל טוב וסימן טוב יהא לנו ולכל ישראל.
- עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
- יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם כי השביע נפש שוקקה ונפש רעבה מלא טוב
- טייערע ציצית, הייליגע ציצית, נאך א מצוה נאך א מצוה פאר'ן בורא כל עולמים, וועט אייך גוט זיין, היינט און אלעמאל, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.
- אנא עבדא דקודשא בריך הוא
- צוה ישועות יעקב
- א צווילינג איז געבוירן, נישט איין בעבי נאר צוויי יעקב מיט עשו זענען זיי, עשו האט געשאסן חיות אין וואלד, ווען רבקה הייסט אים לערנען האט ער געשריגן באלד, און וואלד געדרייט האט ער זיך אהין און אהער, דערפאר וויל תורה לערנען איז געווען פאר אים צו שווער, יעקב איז אלעמאל געגאנגען שנעל אין שוהל, געדאווענט און געלערנט מיט גרויס געפיל, דעם אויבערשטן'ס רצון האט ער אלעמאל געטוהן, דערפאר האט ער באקומען אזעלכע טייערע זוהן, ראובן שמעון לוי יהודה....

**דערמאנונג**

**ביטע נישט שיקן קיין שירעם'ס אין חדר**

**ביטע שרייבן נעמען אויף די מאנטלעך און סוועדער'ס, עס זאל זיך נישט פארטוישן**

# דאס ווארט פונעם מלמד

מיר האבן אריינגעטרוויטן אין די 60'סטע יאר זייט די תלמוד תורה האט זיך געגרינדעט דורך מרן רבינו הק' זי"ע, דער באוואוסטער מלמד הרה"ח ר' צבי אלימלך געלבמאן ז"ל פלעגט דרציילן אז מ'האט אים גענומען אויף פראבע צוויי וואכן און מ'האט אים איבער געלאזט אויף איבער פערציג יאר.

ב"ה דריי יאר האב איך זוכה געווען צו ארבעטן מיט אים צוזאמען און כסדר מקבל געווען געוואלדיגע פונקטן איבער חינוך לצעירי הצאן מקובל מדור הישן, זייענדיג מיט אים האב איך אפגעשריבן וואס ער האט פארציילט די פרשה און נאך פארשידענע ענינים דרך ארץ קדמה לתורה, ער האט דאס איבער געקוקט און געזאגט הערות.

אזוי ווי אין די לעצטע יארן איז דרוקן א צעטל א קלייניקייט דערפאר האבן עלטערן אנגעהויבן אביסל צו מיטהאלטן וואס מ'לייגט אריין אין די קינדער און דאס האט זיך פארברייטערט אויף פיל מער בבחינת מוסיף והולך מדרשים און סיפורי צדיקים א.א.וו.

ר' הערש אלימלך ז"ל האט געהאט פארשידענע ווערטלעך און הנהגות וואס ער האט געזאגט, און בלי"נ וועלן מיר דא מיטטיילן אויפן פאפיר במשך פונעם יאר.

השי"ת זאל העלפן אז די כ"ב תלמידים וואס לערנען ביי אונז אין כיתה, ווי די כ"ב אותיות וואס זענען איצט אין מכינה א' זאלן וואקסן מיט מידות טובות און תורה ויראת שמים און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו גיין אנטקעגן משיח צדקינו בב"א.

בברכת א גוט שבת און א גוטן חודש

המלמד:

נפתלי יעקב פאלאטשעק

# בקשה

**ביטע שיקן**

**100 ₪**

**פאר די הוצאות**

**פון די זמן החורף**

# זיסע געדאנקען פון דעם קליינעם אוצר'ל

- ווייסט טאטי ווי אזוי מיין חבר אלימלך'ס טאטע הייסט, ווי אזוי? ר' אלימלך, ווייל ביי א טאטע זאגט מען ר'.

- וואס האט נח געמאכט, פרעגט דער טאטע דאס קינד! נח האט געמאכט א "קאפטן".

- ווייסט פארוואס די טייג ביי שרה איז געוואקסן? ווייל ס'האט אויפגעגעסן די הארטע פון די ברויט, אזוי וואקסט מען...

- א שמועס פון א קינד מיטן מלמד: רבי, דו ווייסט נאך ווען איך היים? נאך ווען? נאך דער הייליגער ברך משה זי"ע, וואס איז דאס? דער סאטמארער רבי, און נאך ווען הייסט דיין טאטע, ווייסטו אויך? יא, נאך דער דברי יואל זי"ע.

**שיינע געדאנקען קענט איר שרייבן ביי די הערות אין צעטל וואס מ'ברענגט צוריק זונטאג**



די קינדער ביים שבת טיש




די קינדער די ערשטע וואך מיט די נייע קלסר